## דא"ח רעוא דרעוין פרשת בלק תשס"ו

### לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל ה' אלהי"ו עמו ותרועת מלך בו וגו': (במדבר כ"ג, כ"א) דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל וגו': (שם כ"ד, י"ז)

**א] עס** ווערט געברענגט פונעם הייליגן חידושי הרי"ם זי"ע, אז ווען א מענטש איז בבחי' הוי"ה אלהי"ו עמו, דהיינו אז דער מענטש איז מיט א שטענדיגע דביקות אמיתי אינעם חי החיים אין השי"ת, דעמאלם ווערט ער ריין פון אלע זיינע חטאים בסוד לא הביט און ביעקב וגו', אבער די דביקות מיז צו זיין מיט א פלייסיגקייט און מיט א שטארקייט בבחי' תרועה, וואס כידוע (רמב"ם הל' תשובה פ"ג הל' ד) איז דער בחי' פון שופר אויפצו–וועקן און צו שטארקן אן איד אין עבודת השי"ת בבחי' עורו ישנים מתרדמתכם וגו', און דאס איז דער סוד הגאולה און דער סוד פונעם יו"ט ר"ה, יום תרועה יהיה לכם צו פארשניידן אלע קלי', והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול וגו' וואס דאס איז די בחי' פונעם תיקון השלם וואס וועט נתגלה ווערן מיטן בחי' שופר.

**און** דער עיקר בחי' און סוד השופר איז דייקא אין די שווערע זמנים פונעם מענטש, וואס דעמאלם איז ער בבחי' שינה דהיינו אז זיין גאנצע עבודת השי"ת און אלע זיינע מדרגות זענען איינגאנצן פארשלאפן, דייקא דעמאלם דארף ער זיך שטארקן בבחי' שופר, און צו וויסן אז דאס וויל השי"ת יעצט פון מיר, אז איך זאל זיך מחזק זיין אין מיין אייגענע יעצטיגע מצב, און די נפילות זענען געווען אפי' ביי די גרעסטע צדיקי הדורות זי"ע, און ווי עס איז באקאנט ביים הייליגן בעש"ט און זיינע תלמידים זי"ע, און דאס פלעגט דער הייליגע בעש"ט זי"ע כסדר איבער חזר'ן, אז ער איז אראפגעקומען אויף די עולם השפל, צו זיין בבחי' שופר דהיינו אויפצו–וועקן א איד פון זיין פארשלאפנקייט, דהיינו אפי' ער איז דבוק אין תורה ויר"ש אבער עס איז בבחי' שינה וירידה ומר"ש, אבער די תכלית הבריאה איז בבחי' נעוץ סופו בתחילתו, דהיינו אזוי ווי דער תיקון השלם וועט זיין בבחי' שופר והיה ביום ההוא יתקע בשופר וגו' דהיינו די התעוררות השינה, די זעלבע זאך איז דער עיקר תיקון בריאת העולם געווען אויף די אופן, און ווי דער בעש"ט הק' זי"ע פלעגט זאגן, אז זיין שורש נשמה איז בסוד שם

מ״ב דמ״ה (**א**), וכידוע אז דאס איז אויך דער שם הק׳ פון בריאת העולם (עיין אדיר במרום ח״א שמיה דעתיקא סתים מכילא).

**ב] והנה** עס איז ידוע אז די שם הוי״ה ווען עס איז צוטיילט בבחי׳ פשוט ומילוי ומילוי דמילוי [עיין בהגה״ז], איז בחי׳ פשוט בסוד הכתר, מילוי בסוד חכמה, מילוי דמילוי בסוד בינה (**ב**), וואס די עבודה בבחי׳ חכמה בינה איז די בחי׳ פון תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי, וואס די זענען אונזערע צוויי מאורות הגדולים וואס ביישיינען אונזער לעבן.

**והיינו** די בחי׳ פון תלמוד ירושלמי איז אור ישר בבחי׳ חכמה, דהיינו ווי מיר זעהן אז דער סדר אין ירושלמי איז גלאט אן צופוהל דוחקין און אן צופוהל שוועריגקייטן און פילפולים, נאר אלעם איז מסודר כשולחן ערוך מיט א קלארקייט, וואס דאס איז בבחי׳ חכמה בחי׳ לוחות הראשונות דהיינו די עבודה פון זיך צו מבטל זיין פאר השי״ת אינגאנצן אן קיין

---

**(א)** כידוע אז עס זענען פארהאן דריי אופנים אינעם שם מ״ב, **א׳** די שם מ״ב דמ״ה דהיינו דער שם הוי״ה הק׳ [ווען עס איז בגימ׳ מ״ה דהיינו יו״ד ה״א וא״ו ה״א במילוי אלפי״ן] ווען מען שרייבט עס פשוט מלא און מלא דמלא [דהיינו י–ה–ו–ה, יוד–הא–ואו–הא, יוד ואו דלת, הא אלף, ואו אלף ואו, הא אלף,] קומט עס אוים מ״ב אותיות, **ב׳** די שם אהי״ה יה״ו וואס איז בגימ׳ מ״ב, **ג׳** די שם פון אנא בכח וכו׳ וואס איז מ״ב אותי׳ אב״ג ית״ץ וכו׳.

וכידוע איז דער כח פונעם הייליגן שם מ״ב, מעלה צו זיין מלמטה למעלה דהיינו צו תורה ומצוות אדער השפעות טובות וכו׳, און די עבודה איז באקאנט ביי קר״ש שעל המיטה און אזוי אויך ביי קבלת שבת וכו׳, און עס איז דאך באקאנט אז עס איז פארהאן פיהר עולמות אצילות בריאה יצירה עשיה, און אצילות איז מעלה צו זיך די עולם הבריאה וואס איז אינטער איהר מיטן כח שם מ״ב דמ״ה כנ״ל, בריאה איז מעלה צו זיך די עולם היצירה בכח שם מ״ב אהי״ה יה״ו, און יצירה איז מעלה צו זיך עשיה בכח שם מ״ב דאנ״א בכ״ח.

ממילא קומט דאך אוים אז די העכסטע שם מ״ב וואס איז בכח מעלה צו זיין תחתונים איז די שם מ״ב דמ״ה [פונעם עולם האצילות וואס איז כולל אלע עולמות], ממילא איז דאס די שם פון בריאת העולם, און אויך די שורש נשמת מאיר עינינו הבעש״ט הק׳ זי״ע, וואס ווי אויבן דערמאנט אז דער עיקר ותכלית הבריאה איז זיך מעלה צו זיין צום בורא כ״ע, אפי׳ ווען מען איז בשפל המצב והמדריגות.

**(ב)** אין קורצן **כתר** איז בבחי׳ ההתבטלות צום חי החיים אויף אן אופן וואס ער שפירט זיך אינגאנצן נישט אויף עפעס א בריה וואס דאס איז בבחי׳ פשוט, **חכמה** איז בבחי׳ ביטלו צו השי״ת אבער אויף אן אופן פון עבודה דהיינו אז ער נעמט דעם אייגענעם ישות און איז איהר מבטל צום בורא כ״ע, דאס איז שוין בבחי׳ מילוי כלפי בחי׳ כתר וויבאלד עס איז שוין פארהאן עפעס א מציאות, **בינה** איז בבחי׳ עבודת השי״ת אין אלע ענינים, דהיינו אז זיין עבודה איז נישט אויף די מדרגה פון ביטול הישות, נאר זיין עבודה איז אין אלע עניני עבודת השי״ת ומלחמת היצה״ר, און דאס ווערט אנגערופן בבחי׳ מילוי דמילוי, דהיינו די התרחבות העבודה אין אלע הינזיכטן. ודו״ק.

אייגענע עבודות קשות, און דורכדעם צו ממשיך זיין די השפעה העליונה בבחי' אור ישר (ג), און דאס איז די בחי' וואס עס שטייט אין פסוק נופל וגלוי עיניים, דהיינו די עבודה פון צו זיין בבחי' נופל מיט ביטול הגמור, און דורכדעם זוכה זיין צום אור העליון בבחי' וגלוי עיניים, און די סוד איז גאר הויך און הייליג, און ווי עס ווערט געברענגט באריכות אין זוה"ק (בלק ר"ח ע"א), און ליידער האט זיך בלעם הרשע אנגעכאפט אין די סוד הגדול.

**און** די צווייטע בחי' איז תלמוד בבלי דהיינו אור חוזר בבחי' בינה בחי' לוחות שניות, ווי מיר זעהן אז די גאנצע תלמוד בבלי איז געבויעט מיט פילפולים און דוחקין און טיפע שווערע מחלוקת'ן, וואס דאס איז בחי' בינה דהיינו אז דער מענטש איז זיך כסדר מתבונן בגדלות ובקדושת הבורא ב"ה, און אזוי שלאגט ער זיך מיטן יצה"ר, און אזוי פירט ער זיין לעבן מיט יגיעה יתירה עליות און ירידות בעבודת השי"ת, און דאס איז בבחי' אור חוזר דהיינו אז דער מענטש איז זיך מייגע אינעם אור העליון משיג צו זיין הויעכע השגות און מיט זיינע מעשים למטה אויף די עולם, טוהט ער ממשיך זיין די אור העליון בבחי' אור חוזר מלמעלה למטה, און ווי עס ווערט געברענגט אין זוה"ק (בראשית ק"ל ע"ב) אויפן פסוק עין לא ראתה אלהי"ם זולתך יעשה למחכה לו, אז דאס גייט ארויף אויף די אידן וואס טוהען זיך מייגע זיין אינעם תורת הוי"ה ב"ה, און זי ווארטן [לשון מחכה] אויף צו קלאר ווערן אין זייער תורה און עבודה, ביז השי"ת וועט זיי באלייכטן מיטן אור העליון.

**ג] והנה** עס איז אבער אמאהל פארהאן א שווערן מצב ביי א איד, וואס ליידער איז ער פארפלאנטערט געווארן אין גרויסע ירידות במחשבה דיבור מעשה, און ער קען זיך נישט נעמען צו זיך מיטן עבודה בבחי' בינה ביגיעה יתירה, צו מתקן זיין אלע זיינע ענינים, און מיטן דרך בבחי' חכמה קען ער אויך נישט גיין, ווייל ליידער האט ער פוגם געווען אינעם חכמה העליונה בפרט טאמער האט ער פוגם געווען בעניני קדושה, וואס דעמאלס ווערן פארשפארט פון איהם די שערי חכמה העליונה (ד), און ממילא איז דער מענטש בבחי' בחשכה יתהלכון ואין נוגה להם ח"ו, און ווי עס שטייט אין פסוק דרך כוכב

---

(ג) הגם עס איז פארהאן פוהל בחי' אין דעם, איז אבער די פשוט'ע פשט אור ישר די אור וואס ווערט נמשך פון אויבן אראפ, ווייל דאס איז דאך די טייטש אור אן השפעה וואס מען איז זוכה פון אויבן, און אור חוזר איז דער פשט אז מיר פאר זיך זענען בעצם נישט ראוי צו מקבל זיין די גרויסע השפעה, נאר מיר מיטשען זיך מיט יגיעה יתירה צו דערגרייכן די השפעה בבחי' מלמטה למעלה, און דערפאר איז דאס די בחי' פון תלמוד בבלי דהיינו יגיעה ודוחקין. ודו"ק.

(ד) און דאס איז בעצם געווען די פגם פון בלעם הרשע, ווי אויבן דערמאנט אז ער האט געהאט אן השגה אינעם סוד פון נופל וגלוי עיניים, וואס כנ"ל אז דאס איז בבחי' חכמה. ודו"ק.

מיעקב וקם שבט מישראל, כידוע אז יעקב איז בבחי' בינה כלפי ישראל וואס איז בבחי' חכמה, דהיינו אז דער וואס איז פוגם אינעם בחי' דר"ך וואס איז בבחי' יסוד (עיין קהלת יעקב ערך דרך אות י"ב) און אין בחי' וקם וואס איז אויך מרמז אויפן יסוד בסוד והקימותי את בריתי וגו' דער קען נישט זוכה זיין צו בחי' חכמה בינה, ווייל עס ווערן פארשפארט פון איהם די שערים העליונים.

**דעמאלס** דארף מען גיין אויפן דרך העבודה בבחי' כתר העליון, דהיינו צו מאיר זיין די אורו של משיח צדקנו, וואס דאס איז דער סוד הפסוק וקרקר כל בני שת (עיין בעל הטורים ורשב"ם ועי' במשך חכמה), וואס איז מרמז אויפן אור משיח צדקנו וואס איז בבחי' כתר העליון, דהיינו כנ"ל אז די עבודה בבחי' חכמה איז ביטול הישות בסוד הפסוק נופל, דהיינו אז דער מענטש איז זיך מבטל צום חי החיים בהתבטלות גמורה, און אזוי דורכדעם ווערט ער א כלי קיבול און ער איז ער זוכה צו אן אור עליון, און דערנאך איז ער זיך נאכאמאהל מבטל לפום דרגתו און ער ווערט א כלי קיבול צום העכערן אור און אזוי ווייטער און ווייטער, און די בחי' ווערט אנגערופן בבחי' קרירות דהיינו קאלטקייט, ווייל דער מענטש איז זיך נישט מייגע מיטן כח החמימות האש מיט אלע פרטי פרטים זיך אויסצוהארעווען, נאר ער איז בבחי' מים דהיינו ער טוהט די עבודה פון "נישט", דהיינו די כח הביטול זיך צו מבטל זיין פאר השי"ת, דאס איז בחי' חכמה.

**אבער** בחי' עבודת כתר איז בבחי' קרק"ר דהיינו קרירות שבקרירות (עיין תיקו"ז ק"ז ע"א ועיין פרד"ר שער כ"ג י"ג), דהיינו אז נישט ער איז בבחי' רצוא ושוב כנ"ל [אז בחי' חכמה איז א שטענדיגע עבודה פון ביטול הישות און דורכדעם איז מען זוכה צום אור, און דערנאך דארף מען זיך נאכאמאהל מבטל זיין כדי זוכה זיין צום העכערן אור], נאר ער איז אגאנצע צייט מיט איין מחשבה און דביקות אינעם אור אין סוף ב"ה בפשיטות גמורה, דהיינו אז ער איז מגלה די אור אין סוף ב"ה אין די גאנצע בריאה, דהיינו אז די גאנצע בריאה ווערט איין שטיק אור אין סוף ב"ה באמת ובשלימות גמורה, און ממילא מיט די עבודה איז נישט פארהאן עליות ירידות רצוא ושוב, נאר אלעם איז בהירות אלוקותו ית"ש ממש באמת ובשלימות.

**און** מיט די עבודה קען מען מגלה זיין און מאיר זיין די אור הוי"ה ב"ה, אפי' אין די נידריגסטע מקומות ווייל מען גייט מיט א חוזק בבחי' שופר בבחי' אש און מיט א התבטלות גמורה בבחי' מים [נישט די עבודה פון ביטול נאר די בחי' פון ביטול בעצם א "נאטורליכע התבטלות"], וואס דאס איז די סוד כתר אש ומים צוזאמען, און דאס איז געווען די כח פון פינחס בקנאו את קנאתי, און וואס שטייט ביי פינחס ויקח רמ"ח בידו, דהיינו די בחי' פון קרי"ש וואס איז רמ"ח תיבות, וואס דאס איז די גרעסטע חרב פיפיות אקעגן די אלע מקטריגים, און וואס דאס איז די יחוד קרי"ש, די בחי'

פון כתר העליון הוי״ה אלוהינ״ו הוי״ה אחד.

**און** די דריי עבודות און בחי׳ דהיינו בינה חכמה כתר, זענען אקעגן די דריי מדריגות דהיינו אצילות אדם קדמון אור אין סוף ב״ה (ה), דהיינו אז בינה איז בבחי׳ עולם האצילות ווייל ער איז מגלה קדושת שמו יתברך ויתעלה, אבער די השפעה איז נאר אויף זיין מצב און מדריגה, חכמה איז בבחי׳ עולם אדם קדמון און ווי עס ווערט געברענגט אז די עולם אדם קדמון דערגרייכט אפי׳ אין די עולמות בי״ע (עיין ע״ה ש״ג פ״ב), וואס דאס איז בחי׳ חכמה צו מגלה זיין אלוקותו ית״ש אפי׳ אין די גשמי׳, כתר איז בבחי׳ אור אין סוף ב״ה דהיינו אז די כח פון בחי׳ כתר איז צו מגלה זיין אז די עצמי׳ הגשמי׳ איז בלויז בהירות האלוקות ממש.

**און** דאס איז אויך די חילוק צווישן בחי׳ חכמה און כתר, ווייל די בחי׳ פון חכמה איז דער פשט אז דער מענטש איז זיך מבטל צו השי״ת און ממילא איז ער זוכה צו אן אור גדול בבחי׳ וגלוי עיניים, און טאקע דערפאר איז עס בבחי׳ רצוא ושוב, דהיינו אז דער מענטש איז זוכה צו אן אור און דערנאך ווי נאר ער וויל זוכה זיין צו אן העכערען אור דארף ער זיך נאכאמאהל מבטל זיין, אבער די בחי׳ פון כתר איז די בחי׳ פון התבטלות גמורה, אבער מיט אן חוזק און אן אריכת הרוח בבחי׳ אריך אנפין בסוד ולא מטי, דהיינו אז דער מענטש האט געדולד און ער איז בבחי׳

---

(ה) כידוע אז עס זענען פארהאן פיהר עולמות אצילות בריאה יצירה עשיה, און כידוע אז אינעם עולם האצילות איז פארהאן די גרעסטע התגלות האלוקות [וכידוע אז די עולמות בי״ע ווערן אנגערופן עולמות הנפרדים, און אזוי אויך איז אין עולם האצילות פארהאן די מקום פון די אלע י׳ ספירות], אבער דאס איז די קלענסטע מדרגה כלפי א״ק [עולם אדם קדמון] און אור אין סוף ב״ה, און דערפאר איז דאס דומה צו בינה, ווייל די י׳ ספירות זענען בבחי׳ פרטים ופרטי פרטים.

אבער די העכערע עולם איז עולם אדם קדמון, וואס אין די עולם איז פארהאן די גילוי אלוקותו ית״ש בהתבטלות גמורה אן קיין פרטים ופרטי פרטים, נא אלעס איז בבחי׳ אין עוד מלבדו, און דערפאר איז די עולם אדם קדמון משפיע פון זיין אור אפי׳ אין די נידריגסטע מקומות [אנדערש ווי אצילות], וויבאלד זיין עבודה איז בבחי׳ התבלות במציאות און ממילא האט ער בכלל נישט קיין אייגענע ישות, און דערפאר קען נשפע ווערן די אור הוי״ה ב״ה אפי׳ אין די חלקים הנפרדים מאלוקותו ית״ש.

און די העכערע בחי׳ איז די בחי׳ פונעם אור אין סוף ב״ה [וכידוע אז די ערשטע מציאות הבריאה וואס השי״ת האט באשאפן איז געווען ״אור״, אבער דערנאך וואס השי״ת האט געזעהן אז דער מענטש וועט זיך נישט קענען דערהאלטן בקדושת האור אין סוף ב״ה, ממילא האט ער מצמצם געווען די אור אויף קלענערע מדריגות און לויט אונזערע השגות], און די בחי׳ פון אור אין סוף מיינט מען די עבודה פון מגלה צו זיין אז די גאנצע גשמי׳ איז בלויז אלוקות ממש, און עס איז גארנישט פארהאן אויסער בהירות האלוקותו ית״ש, און דאס איז די עבודה פון כתר דהיינו זיך צו מבטל זיין בשלימות און מיט א שטענדיגקייט ביז מען איז זוכה אז די גאנצע בריאה איז ביי איהם אלוקות ממש.

מחכה לו ער האפט צו השי"ת, אז ער וועט נאך זוכה זיין צום אור העליון ותכלית בהירות האלוקותו ית"ש, און אפי' יעצט איז ער נאך נישט אויף די מדרגה, ווייסט ער אבער אז מיט געדולד און השתוקקות וועט ער זיכער זוכה זיין צו די אור, און ממילא מיט די געדאנק איז זיך דער מענטש מדבק און איז זיך מלבש מיט די כלים בבחי' עיגולים, דהיינו אז עס איז נישט קיין שום נפק"מ פארן מענטש אין וועלכע מדרגה ער האלט אלעם איז ביי איהם גלייך בבחי' עיגולים (ו), ווייל ער האט די בחי' פון אריך אנפין דהיינו די אריכת הרוח, און ממילא איז ער דערנאך זוכה צום אור דעתיקא סתימאה וואס איז מרמז אויף די העכסטע אור, און די אור דעתיק קען נאר נתגלה ווערן ווען מען איז בבחי' כלי קיבול בבחי' אריך אנפין (ז), און דאס איז אויך די בחי' וואס ווערט דערמאנט אינעם פסוק עת לעשות להוי"ה הפרו תורתך, כידוע אז די תורה איז בבחי' זעיר אנפין [ו' מידות] ווייל די תורה איז בבחי' י"ג מידות שהתורה וכו', אבער די בחי' פון זעיר אנפין איז די היפך פון אריך אנפין, דהיינו אז דער מענטש וויל גלייך משיג זיין גרויסע השגות אין עבודת השי"ת, אבער דער עיקר איז צו זיין בבחי' קרק"ר קרירות דקרירות, מיט כח און שטארקייט צו זיך מדבק זיין אינעם מחשבת ההתבטלות והתגלות אלוקותו ית"ש, און מיט געדולד צוווארטן צום גרויסן אור, און נאר אזוי קען דער מענטש זיין בבחי' ויקח רמח בידו צו פארשניידן אלע מקטריגים און משטינים, דהיינו דורכן גרויסן און קלארן אור התגלות האלוקות, קען מען ממילא גרונגערהייט פארשניידן די אלע וואס זעהט אויס צו זיין אקעגן די גילוי אור השי"ת.

**און** דאס איז דער דרך פון אלע צדיקי אמת, און ווי עס ווערט געברענגט אין זוה"ק אז אפי' די צדיקים גייען אויך תשובה טוהן, דהיינו אז אפי' ביי צדיקים איז שייך די בחי' פון תשובה דהיינו צו

---

(ו) ממש בקיצור כידוע ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט האט ער משפיע געווען צוויי מיני השפעות, א' בחי' עיגולים דהיינו אז ער האט ארומגענומען די גאנצע וועלט מיט די השפעה בדרך עיגול, וואס דאס איז מרמז אז אלע מדריגות אינעם וועלט זענען גלייך שווה בשווה צו די אור און השפעה, ב' בחי' יושר דהיינו השי"ת האט ממשיך געווען א קו ישר פונעם אור אין סוף ב"ה ביז אונזער עולם, און כלפי די קו ישר איז ווער עס איז זיך מעהר מדבק אין די קו איז מעהר זוכה צום אור, והכל לפי המדרגה. ודו"ק כי קצרתי.

(ז) כידוע אז אין בחי' כתר איז פארהאן עתיקא סתימאה דהיינו פנימי' הכתר, און עס איז פארהאן אריך אנפין דהיינו חיצוני' הכתר, און ווי גוועגליך איז די פנימי' משפיע אויפן חיצוני', ממילא איז אריך אנפין א כלי קיבול פון עתיקא סתימאה, וואס עתיקא סתימאה איז מרמז אויף די גרויסע אור השי"ת דהיינו די בהירות גילוי השי"ת, אבער דאס קען מען נאר זוכה זיין ווען מען איז בבחי' אריך אנפין דהיינו אריכות הרוח. ודו"ק.

תשובה טוהן טאמער מען האט נישט געדינט השי"ת ווי עס באדארף צו זיין בבחי' קרק"ר, און ווי עס איז געווען ביי נדב ואביהוא וואס זיי האבן מקריב קטורת וואס איז מרמז אויפן כח האש אליינס, אבער די אמת'ע דרך דארף צו זיין בבחי' אש ומים צוזאמען בבחי' כתר העליון.

**און** דורך די מדרגה איז מען זוכה צו מטהר ומקדש זיין די אלע חלקי מחשבה דיבור ומעשה, כידוע אז מעשה איז בבחי' בינה דהיינו די פרטי פרטים אין עבודת השי"ת וכנ"ל, און חכמה איז בבחי' דיבור כידוע אז מלכות איז בבחי' פה און די שורש המלכות איז אין חכמה בסוד אבא יסד ברתא (זוה"ק ח"ג רנ"ה ע"א), און כתר איז בבחי' מחשבה כנ"ל מחשבה אחת פשוטה להידבק בחי החיים, און מחשבה איז דאך די חשוב'סטע פון אלע חושים, ממילא טאמער איז די מחשבה אויסגעארבעט, ווערט ממילא אלעם מתוקן, און ווי עס שטייט פונעם אר"י הק' זי"ע (עיין ע"ח שער ח') אז בשעת עס איז געווען די שבירה ביים חטא אדם הראשון זענען אלע חושים נפגם געווארן, און דאס דארפן מיר זעהן צו מתקן און בעיקר מיטן כח המחשבה.

ד] **און** דאס דארף א מענטש שטענדיג צו וויסן, און בפרט ווען די קלי' בלעם הרשע איז זיך מתגבר אויף איהם, וואס דעמאלט דערנידערט ער אראפ דעם מענטש בבחי' בל"י ע"ם דהיינו אז דער מענטש פיהלט ביי זיך אז ער איז שוין גארנישט ווערד און ער קען שוין ממילא גארנישט אויפטוהן, דייקא דעמאלט דארף זיך דער מענטש מתגבר זיין אויפן סוד נופל וגלוי עיניים דקלי', און אדרבה מען דארף זיין בבחי' וקרק"ר דהיינו אז מען דארף טאקע באמת גארנישט אליין מרגיש זיין אינעם עבודות השי"ת בבחי' קרירות, נאר מען דארף זיין בבחי' ויקח פינחס רמ"ח בידו, וכידוע (ספר הליקוטים פינחס) אז פנח"ס איז אותי' פ"נ ח"ם וואס דאס איז די סוד פון משיח בן יוסף און משיח בן דוד, וואס דאס איז מרמז אויף בחי' בינה [משחי בן יוסף] און אויף חכמה[משיח בן דוד], אבער פנחס איז געווען איבער די צוויי בחי' ווייל ער איז געווען בבחי' ויקח רמ"ח בידו בבחי' קרי"ש בסוד כתר העליון, און מיט כח קען מען זוכה זיין אריינצוגיין לשער המלך אותי' רעש דהיינו בכח ותעצומות, און ממילא מיט די כח קען מען מגלה זיין די בחי' שופר בסוד ובאו האובדים בארץ אשור וגו', און ווי צדיקים טייטשן אז ביי יעדער איינער איז פאראהן די בחי' אובדים און בחי' נידחים, און מיט די אור בבחי' קרי"ש איז ער זוכה צו אריינשיינען א גילוי אלוקות אפי' אין די נידריגסטע מקומות, בבחי' אור דעתיק שמתגלה באריך אנפין דהיינו די אור פון עתיק וואס ווערט אנגערופן בבחי' ישיבה (עיין קהלת יעקב ערך ישיבה) דהיינו די שורש פון מלכות, ווערט נתגלה טאקע די אור העתיק אין די טיפסטע בחי' ישינה.

**און** דאס איז פשט **דעה חכמה לנפשך והיא כתר לראשך**, דהיינו אז מען דארף מקשר זיין בחי' חכמה צו בחי' בינה [נפש בינה], און דורכדעם ממשיך זיין די אור הכתר העליון, און דורכדכם וועט אלע

זיינע שוואכקייטן ווערן מתוקן און צום תיקון השלם בביאת גואל צדק אויסגערייניגט ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין ברחמים במהרה בימינו אמן.